דעם 21סטן דעצעמבער 1994

טײַערער דוד,

אַ גרויסן דאַנק פֿאַר דײַן קאַסעטע. כ'וועל דיר זאָגן דעם גאַנצן סענטימענטאַלן אמת: כ'בין געוואָרן גערירט בײַם הערן דײַן קול, ס'האָט זיך געפֿילט אין דעם גאַנצן גערדאַנק אַ גאָר ספּעציעלע נאָענטקייט. אַ מאָל איז אַ קאַסעטע געווען "מאָדערן שבמאָדערן". הײַנט זענען שוין דאָ מאָדערנערע מיטלען. אָבער בײַם הערן דײַן קול האָב איך דערפֿילט אַז אָט דער מיטל האָט אַ ספּעציעלן כּישוף.

דײַן באַריכט וועגן ווײַנרײַך-טאָג האָט אויך געהאַט אַ ספּעציעלע באַדײַטונג. עפּעס פֿילט זיך אין דעם דער כּישוף פֿון כימערישע אויפֿטוען פֿאַר יחידי-סגולה. אינטערעסאַנט אַז דאָס וואָס דו האָסט נישט דערציילט איז דאָס וואָס וואָלט געווען די ערשטע זאַך וואָס איך וואָלט דערציילט אין אַזאַ פֿאַל: צי ס'איז געווען אַן עולם. ווײַזט אויס אַז "אויף דער עלטער" קען מען זיך צוגעוווינען נישט צו קוקן אויפֿן עולם. ווי מינימאַל דער עולם דאַרף זײַן כּדי מיר זאָלן ווײַטער קענען אַרבעטן איז אַ פֿראַגע וואָס באַשעפֿטיקט מיך זייער אַ סך.

דאָס איז דער גרויסער אונטערשייד (פֿאַר מיר) צווישן ירושלים און תּל-אָבֿיבֿ, ווי כ'האָב דיר געזאָגט: דאָ לערן איך מיט "מתי מעט", און ס'איר מיר נמאס געוואָרן. דאָרטן איז דאָ אַן עולם. פֿאַרשטייט זיך אַז מע באַצאָלט אַ הויכן פּרײַז - לערנען נאָר אויף העברעיִש.

די פּראָבלעם מיט מײַן לערנען אין ירושלים איז אָבער אויך אַן אַנדערע: איך באַנײַ זיך אַבסאָלוט נישט: די זעלבע לידער, די זעלבע דערציילונגען (כ'בין שוין דערגאַנגען צום ערגסטן: צום לערנען טעקסטן וועגן וועלכע כ'האָב שוין געשריבן, ווי למשל וועגן לעיעלעסעס "אין סאַבוויי", ווײַל ווען וועלן זיי דערגיין צו מײַנעם אַן אַרטיקל אויף ייִדיש?). שׂרה זאָגט אַז איך קען זיך באַנײַען וואָס שייך די טעקסטן, און מן-הסתּם איז זי גערעכט, אָבער פֿאַר פֿיר-פֿינף תּלמידים איז דאָס נישט כּדאַי. ווערט מיר שוין נמאס. אַ מאָל פֿיל איך אַז כ'וואָלט געדאַרפֿט אויסטרינקען אַ כּוסע זיך אַליין אויפֿצולעבן איידער איך גיי אַרײַן אין קלאַס, איך - וואָס טרינק קיין מאָל נישט. אין תּל-אָבֿיבֿ לערן איך אויך - אין "מבוא ליידיש ולתרבותה" - זאַכן וואָס כ'האָב שוין הונדערט מאָל געלערנט, אָבער טאַקע צוליב דעם וואָס ס'איז דאָ אַן עולם, און איך פֿיל אַ שליחות, פֿיל איך זיך אַנדערש. ווי לאַנג האָט די מונטערע געפֿילן וועלן אָנגעיין ווייס איך נישט.

און דאָס ברענגט מיר צו דעם ערשטן "געשעפֿטלעכן" פּונקט: אָנגענומען אַז דו וועסט לערנען אין תּל-אָבֿיבֿ זעקס שעה אַ וואָך דעם צווייטן סעמעסטער: צוויי מאָל אַ וואָך (צו צוויי שעה יעדער מאָל) וועגן דער ייִדישער דערציילקונסט, און איין מאָל וועגן באַשעוויסן. אַזוי זאָג איך אָן אַניטאַ שאַפּיראָן און כ'בעט בײַ איר זי זאָל דיר אַרויסשיקן אַן אָפֿיציעלן פֿאַרבעטבריוו. טאָמער קריגסטו אים נישט אין די נאָענטסטע זעקס וואָכן - קלאַפּ טרעוואָגע...

2) דו וועסט שוין אַליין אָפּרעדן מיט חנה ווירט-נשר וועגן ציטירן דײַן קורס וועגן באַשעוויסן אין ענגליש-אָפּטייל. אַפֿילו אויב נישט, איז דאָס נישט קיין גרויסער אַנוער, ווײַל דער אָפּטייל פֿון העברעיִשער ליטעראַטור איז אַזוי המוניש גרויס אַז דו וועסט האָבן תּלמידים.

אַגבֿ, מע הייבט אָן אַ פּראָצעדור וועגן מיר, וועגן האַלבן פּאָסטן אין תּל-אָבֿיבֿ, נישט אויף TENURE,

פֿאַרשטייט זיך (דאָס קען נישט זײַן אויף אַ האַלבן פּאָסטן) נאָר עפּעס אויף אַ לענגערן קאָנטראַקט. כ׳האָב אויך אָנגעגעבן דײַן שוועסטערס נאָמען ווי אַ רעפֿערענט.

יאָ, דײַן אַרטיקל אין **די גאָלדענע קייט** איז גאָר פֿײַן געשריבן. עס לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס. דאָס מיינט נישט אַז כ׳זע דאָרטן נישט אַ פּאָר חסרונות,אָבער די מעלות וועגן אַריבער אַ סך אַ סך די חסרונות. אויב זיך אַרײַנטיפֿן אין דעם אַרטיקל, זע איך אַז דו האָסט אַ שטיקל "קאָמפּלעקס" מיט היסטאָריקערס, ווי ליטעראַטור וואָלט געווען ווייניקער ווי געשיכטע (פּונקט ווי איך פֿאַל כּורעים אינסטינקטיוו פֿאַר יעדן איינעם וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט גמרא...). ווײַל דו שטעלסט אַוועק אַ פּראָבלעם פֿון זשאַנערס וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן ליטעראַטור-היסטאָריש און נישט "סתּם" געשיכטלעך: די וויכטיקייט פֿון רעפּאָרטאַזש שטאַמט דאָך פֿון דעם וואָס די גרענעצן צווישן שיינער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק זענען אויף ייִדיש קיין מאָל נישט געווען אײַנגעשטעלט, טאַקע ווײַל די ליטעראַטור האָט זיך געטוליעט צו דער פּרעסע. דאַכט זיך אַז אויף העברעיִש האָט וועגן דעם געשריבן חמוטל בר-יוסף (כ׳זאָג "דאַכט זיך") ווײַל ווי געוויינלעך קען איך נאָר דעם נאָמען פֿון איר ביכל, אָבער כ׳האָב עס נישט געלייענט. דאַרף מען אָנהייבן, ווי באַקאַנט, מיט שלום-עליכמס פֿעליעטאָנען, און מיטן פֿעליעטאָן-זשאַנער (דער רוף צו פֿאַרצייכענען נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, "כבודו במקומו מונח", אַוודאי איז דאָס **איינער** פֿון די מקורים, אָבער טאַקע נאָר איינער. ווי פּאַראַדאָקסאַל ס׳זאָל נישט קלינגען, ווערט אַן אמתער זשאַנער-צוגאַנג צו די טעקסטן דערגיין דעם אמת, אַז ליטעראַטור פֿאַר זיך איז קיין מאָל נישט געווען אַזוי וויכטיק... אַז אין לעצטן סך-הכּל האָבן די ערנסטע ייִדישע שרײַבער און לייענערס געהאַלטן אַ סך טײַערער די "פֿאַקטן". דווקא דורכן סוף פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין מזרח-אייראָפּע קענסטו זיך פֿאַרבינדן מיט איר אָנהייב, מיט מירונס אַרבעטן...

און אַז מע רעדט שוין וועגן אָנהייבן, ווי קומט עס אַז דו זאָלסט איבערחזרן שמערוקס אומסענסיטיווקייטן מכּוח די אָנהייבן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער **ליטעראַטור?**

1) צי קען אַ בוך פֿון פּאָפּולערער מעדיצין זײַן דער אָנהייב פֿון אַ מאָדערנער ליטעראַטור? נישט האָבנדיק געלייענט מאַרקוזען זעט עס אָבער אויס צו זײַן אַן אַבסורד (דער מזרח-אייראָפּעיִשער ייִדיש יאָ, אָבער דאָס מיינט נישט ליטעראַטור, נישט געקוקט אויף די פּאָר פֿאַרפֿלאָכטענע מעשׂיות בײַ מאַרקוזען).

2) "עם כל הכבוד" צו ר׳ נחמנען קען ער אויך נישט זײַן דער אָנהייב, פּשוט צוליב דעם וואָס ער האָט קיין שום המשך נישט געהאַט ביז מיט הונדערט יאָר שפּעטער. עס שטעקט אין דעם אַ חנדלען זיך צו "מדעי היהדות", אײַנקויפֿן זיך אין ייִחוס מישטיינס געזאָגט, אָבער עס זאָגט עדות אויף אַ גאָר שוואַכן אַרײַנטראַכטן זיך אין דעם מהות פֿון וואָס מיינט ליטעראַטור: נאָכאַנאַנדיקייט,אַן עולם, המשך און באַנײַונג. איז דער פּשוטער אמת: נישט מאַכן קיין "אַרכעאָלאָגישע" אויסגראָבונגען, נאָר אָנהייבן די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור (וואָס איז נישט אידענטיש, פֿאַרשטייט זיך, מיטן מאָדערנעם מזרח-אייראָפּעיִשן ייִדיש - שפּראַך איז נאָך נישט ליטעראַטור) טאַקע מיט מענדעלען. נישט אָריגינעל, און אפֿשר "פֿאַרשפּעטיקט", ס׳האָט אָבער אַ שטיקל מעלה - ס׳איז אמת...

נאָך אַ קורצע באַמערקונג: אין דײַן אַרטיקל גייסטו אַ פּאָר מאָל אַוועק אָן אַ זײַט: רעדסט וועגן די יוגנט-באַוועגונגען אין וואַרשעווער געטאָ (טאַקע וויכטיק, פֿאַרשטייט זיך, אָבער וועגן דײַן טעמע פֿאָרט

זײַטיק) און נאָך אַ פּאָר אַזעלכע לאַנגע דיגרעסיעס. עס פּאַסט זיך פֿאַר דעם אַמעריקאַנער עולם, וועמען מע דאַרף דעמק גאַנצן קעז אײַנקנעטן אין איין קנישע, און פֿאַר דעם ייִדיש-עולם וואָס איז געוואָרן אַזוי אַלט אַז ער פֿאַרגעסט, אָבער נישט פֿאַרן אידעאַלן לייענער.

יאָ, אַז מע רעדט שוין וועגן דעם: כ'וויל הערן דײַן אָפֿנהאַרציקע מיינונג וועגן די **ייִוואָ-בלעטער**: בשעתו, בײַם לייענען די כּתבֿ-ידן, האָב איך געהאַט וויניק נחת. איצט זעט מיר אויס אַז דער "וואַלד" מאַכט פֿאָרט אַ בעסערן רושם ווי די "ביימער". ווי זעט עס אויס אין דײַנע אויגן? כ'פֿרעג זיך טאַקע ווײַל איך ווער דאָך מיטרעדאַקטאָר, וויל איך וויסן ווי אַזוי זיך צו פֿירן...

כ'שיק דיר אַרויס אַ שטיקל ביבליאָגראַפֿיע וואָס כ'האָב אַ מאָל צוגעגרייט פֿאַר אַ סעמינאַר וועגן דער אַמעריקאַנער-ייִדישער ליטעראַטור. זאָרג זיך נישט: כ'האָב אויך נישט געלייענט ליעסינען (ווײַטער פֿון די ערשטע 100 זײַטן בין איך קיין מאָל נישט אַוועק) און קאָברינען אַוודאי נישט. מיר קענען זיך אָבער טרייסטן ווי דו ווייסט, אַז אָך און ווי - ווי ווייניק מיר ווייסן נישט, ווייסן אונדזערע סטודענטן אַ סך ווייניקער... נאָך אַ מאָל: אַז אָך און ווי...

ON THIS HAPPY NOTE, מישטיינס געזאָגט, ענדיק איך מײַנע פּאָר ווערטער. שרײַב! און וואָס הערט זיך מיט דײַן E-MAIL? ער אַרבעט יאָ? דו קענסט באַקומען בריוו אָבער נישט שיקן? האַרציקע גרוסן, דײַן

אברהם

ע"ש: בײַם איבערקוקן דעם בריוו (כ'קוק איצט איבער בריוו, ווײַל כ'האַלט זיך אין לערנען די פּראָגראַם, וויל איך זען די טעכנישע פּראָבלעמען) זע איך אַז מײַן שרײַבן איז געוואָרן כּמעט ספּאַזמאַטיש קורץ. ס'איז צוליב דער פּראָגראַם: כ'דאַרף זיך נאָך אַ ביסל אָנשטרענגען אויף צו געפֿינען די ייִדישע סימנים, האָט דאָס אַ השפּעה אויפֿן שרײַבן. כ'פֿיל זיך נאָך נישט באַקוועם זיך צו צעשרײַבן. אָבער דער עיקר איז פֿאָרט אַרויסגעקומען, אַזוי האָף איך...